דרשות

# הושענא רבה

מאת רבינו הקדוש

מסאטמאר זי"ע

תשכ"א לפ"ק

KolSatmar.com

# הושענא רבה תשכ"א

פ'איז ידוע דער טאג איז הושענא רבא, דעמאלטץ זאגט מען למענך אלקינו, אין די הייליגע טעג ביי אלע תפלות זאגט מען אבינו מלכינו, מיט דעם איז מען געהאלפן געווארן, מ'זאגט אבינו מלכינו, פארוואס זאגט מען נישט למענך אבינו אדער למענך מלכינו, אזוי הייבט מען אן כסדר, ביי קדושת כתר רעכנט מען אלעס, הוא אלקינו הוא אבינו הוא מלכינו, אלעס איז דאך מקובל, יעדע תנועה וואס מ'רירט זיך איז פון די פריערדיגע פארן כלל ישראל צו זאגן.

נאר דאס ענין פארוואס זאגט מען אין הושענא רבא למענך אלקינו, איך וועל קודם זאגן, **איך זאג דאס אלע יאר נאך, דער טאטע זכרונו לברכה פלעגט עס צו זאגן אויכעט, יעדעס יאר פלעגט ער אנהייבען ביי דעם, ער האט נאך געזאגט דאס משל ס'איז שוין ידוע, דאס משל וואס דער זיידע זכרונו לברכה פלעגט צו זאגן**, פארוואס מ'זאגט איצט למענך אלקינו, למשל א מלך פון א מלכות של חסד, ער קומט אריין אין א שטאט אריין, און די מדינה האט א זמן קבוע ווען ער קומט אריין דעמאלטץ אין שטאט אריין, יעדערער קען דעמאלטץ צוקומען צום מלך מ'זאל פארלאנגען וואס מ'האט צו פארלאנגען, אז מ'האט עפעס פוגם געווען זאל מען דעמאלטץ מפייס זיין, מ'זאל נתקרב ווערן יעדערער צום מלך, קאן מען דאך פארשטיין אז ווער ס'איז א בר דעת, ווען ער הערט נאר אז

ס'קומט דער זמן וואס דער מלך קומט אין שטאט, גייט ער שוין אקעגן, און ער טוט די אלע זאכען, און בעט זיך, און פאלט פאר די פיס נאך איידער ער קומט אריין אין שטאט אריין, אז ער זאל אריינקומען אין שטאט מיטען מלך צוזאמען מיט א לעכטיג פנים, ווער ס'האט נישט דעם דעת, אבער ווען דער מלך קומט שוין אריין אין שטאט אריין לויפט ער דאך שוין אוודאי, אבער ווען איינער גייט נישט דעמאלטץ אויך נישט, ער פארשלאפט די גאנצע צייט און ער טוט גארנישט, ער גייט נישט, ער לאזט דורך די געלעגנהייט, **אבער ווען ס'קומט דער לעצטער טאג דער מלך געזעגנט זיך פון די שטאט, די כרוזים גייען דער מלך געזעגנט זיך שוין היינט פון די שטאט, ווער ס'וויל צוקומען האט נאך צייט היינט דעם לעצטען טאג, ווער גייט שוין נישט דעמאלטץ, ווער לויפט נישט, נאר מיט גרויס בושה קומט מען דעמאלטץ צום מלך, מ'פרעגט אים א קשיא, אי מלכא אנא עד השתא אמאי לא אתית לגבאי, אז מ'זאגט אבער אז מ'גייט אין מלך'ס אינטערעסע, אז מ'גייט צו א זאך וואס ס'איז די אינטערעסע פונעם מלך, וואס דער מלךווארט דערויף, אויף דעם איז נישט פארהאנדען קיין צייט, דעם לאזט מען אייביג אריין, מ'קען נישט פארשפעטיגען.**

**אזוי** איז די זעלבע זאך, פארשטייט מען דאך דאס נמשל, פון ר"ח אלול אהן, א איש הנלבב, ער לאזט נישט דורך די צייט, און ער זעהט פאר זיך, ער זיכט צוצוקומען צום מלך מיט תפלות ותחנונים, מיט מצוות ומעשים טובים, און ער זעהט צו פארעכטען וואס ער האט פוגם געווען, און ער בעהט על נפשו אויף זיך און אויפן כלל ישראל, ווער ס'לאזט דורך די געלעגנהייט און ס'קומט ראש השנה, ווער גייט דען נישט, דערנאך קומט עשרת ימי תשובה, און ס'קומט דער הייליגער טאג, ס'קומען די אלע הייליגע טעג פון סוכות, מ'איז תחת צילא דמהימנותא, בצלא דקוב"ה ושכינתיה, **אוי אז מ'דערזעהט זיך א איש מגושם אזוי ווי פריער, מ'האמיר נאך**

KolSatmar.com

דעם לעצטען טאג, דעם איינעם טאג הושענא רבא, לאמיר נישט חלילה פארפאסען דעם איינעם טאג אויכעט, נאר מיט גרויס בושה, ווי אזוי קומט מען צו צום מלך, די קשיא איז דאך זייער גרויס, ווי ביסטו געוועזען ביז היינטערט, אזאלעכע הייליגע און טייערע טעג, זאגט מען אבער אונז קום מיר אין אינטערעסע פונעם מלך, למענך אלקינו, אז מ'קומט זיך בעטען אין די אינטערעסע פון הקב"ה, הקב"ה ווארט דאך אויף דעם.

מורי ורבותי! ס'איז דאך אזוי דער ריינער אמת, הקב"ה קוקט ארויס אויפן היינטיגען טאג, די לעצטע שעה'ן, די לעצטע רגעים, אז מ'העט מיר די זכיה געהאט נאך עפעס היינטערט צו טוען, מ'זאל זאגן אמת'דיגע דיבורים פאר הקב"ה, אז מ'זאל זיך אויסגיסען די הערצער פארן באשעפער, וואס פאר א ברירה דען האט מען, ס'איז נאך א מציאות מ'קען נאך געהאלפן ווערן.

דאס ענין פון למענך אלקינו, אין דעם איז דאך דא בחינות, אין פשטות זאגט מען, אזוי הייבט מען דאך אן צו זאגן ביי ק"ש, ה' אלקינו, היינט איז נאר ה' אלקינו, לעתיד וועט זיין ה' אחד, הקב"ה וועט זיין ה' אחד ושמו אחד, ביום ההוא יהיה וכו' דער אמת איז ער איז היינט אויך ה' הוא האלקים אלקי כל הארץ ואלקי כל הגוים, אלסדינג איז דאך בהשגחה פרטיות, אלסדינג איז דאך מכוחו, ס'איז דאך גארנישט פארהאנדען קיין תנועה קלה, אפילו די סטרא אחרא וואס עס גייט אויף אן אנדערען אופן, אבער אלעס איז א כח אלקי, ס'איז נישטא ח"ו קיין שתי רשויות, וואס דען ווערט ער נאר אנגערופן אלקינו, נאר דאס איז א מדה ידועה, אזוי ווי מ'זאגט אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי יעקב, מ'זאגט נישט אויף אמאל אברהם יצחק ויעקב, ווייל יעדער האט געדינט דעם באשעפער אויף אן אנדערן אופן, און ער האט ממשיך געווען דעם כח אלקית אויף

KolSatmar.com

אן אנדערע מדה, מיט אן אנדערע בחינה, זאגט מען עקסטער אלקי, דאס אז מ'זאל דינען דעם באשעפער, דעם בחינת אלקית דאס מוז מען ממשיך זיין מיט דער עבודה, דאס איז נאר דא ביי יודן, ולעתיד וועט זיין ה' אחד, עס וועט גארנישט זיין עפעס אנדערש אויף דער וועלט, יעדער וועט דינען דעם באשעפער, הגם ס'וועט אויך זיין א חילוק, ס'וועט א חילוק זיין פון די אומות העולם די גרים, פון יודן, אבער אלץ וועט זיין, מיט א מדה ידועה וועט זיין אלקי כל הארץ.

**ווען** ס'קומט הושענא רבא דארף מען ממשיך זיין אלקותו יתברך שמו, זאגט מען למענך אלקינו, טאקע אויף דעם אליין איז מען מתפלל, מ'האט געמיינט אז איצט נאך אזויפיל צרות וואס יודן האבן שוין מיגעמאכט וועט מען שוין זוכה זיין און מ'וועט זעהן ה' אחד, נישט נאר אלקינו , מ'זאגט ה' אלקינו און לעתיד וועט זיין ה' אחד, ס'איז שוין געווען לאנג די צייט, מ'וואלט מיר דאס ווען שוין זוכה געווען צו זעהן, נאר מ'האמיר אליין פארפאסט מיט אונזערע מעשים, בעוה"ר מ'האט גורם געווען - בעוה"ר - אזויפיל כפירה אויף די וועלט, און מיט די רוב העוונות האט מען אויפגעהאלטען ווייטער אויף א צייט, ביז היצטערט, מ'האפף מיר אז מ'וועל מיר שוין בקרב געהאלפן ווערן, ס'וועט שוין זיין דער טאג פון ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד, לעת עתה ביז היצטערט איז נאך אלץ אלקינו, מ'האמיר נאך נישט געזעהן דעם ה' אחד, אויף דעם אליין איז א תפלה, למענך, ס'איז גלות השכינה.

**און** עקסטער דעם, הייב מיר אן מיט אלקינו, און ס'קומט דערנאך הוא אבינו, ווייל אויף דעם אליין דארף מען א השפעה אלקית אז מ'זאל צוקומען צו א בחינת בנים למקום, ס'איז דא א פלוגתא (קידושין ל"ו) צו מ'איז ראוי צו דעם בחינת בנים, צו בחינת עבדים למקום, ווען מ'זאגט אבינו מלכינו דארף מען דאך אויף דעם אליין

KolSatmar.com

האבן א ישועה, אז מ׳זאל צוקומען צו דער בחינה פון אבינו, איבערדעם קודם זאגט מען הוא אלקינו, איבערדעם זאגט מען דאס הושענא רבא, אויף דעם אליין אז מ׳זאל האבן א השפעה אז מ׳זאל צוקומען צו דער בחינה.

נאר טאקע די בחינה אלקית פון אלקינו, דאס איז דאך אמאל זיכער אז ה׳ אלקינו, יודן זענען דאך מאמינים אין באשעפער, אויף יודן איז זיכער דא השגחה פרטיות, יודן זענען מושגח כביכול פון בוכ״ע, אבער בעוה״ר די גרויסע הסתרה, אז ניטאמאל דאס זעהט מען דאס אליין איז הסתר בתוך הסתר, דאס זענען די ביטערע נסיונות, דאס אליין איז אין א גרויסע הסתרה.

איך זאג עס אסאך מאל, מ׳זאגט דא למה יאמרו הגוים איה נא אלקיהם, זאגט מיר צו דער פסוק ואלקינו בשמים כל אשר חפץ עשה, ווער ווייסט דען נישט דאס, מ׳שמועסט דאך דא פון מאמינים, די גוים זאגן איה נא אלקיהם ענטפערט מען ואלקינו בשמים כל אשר חפץ עשה, אונז ווייס מיר דאך סיי ווי סיי, דארף ער צו גיין זאגן עצביהם כסף וזהב, פארוואס האקט ער איבער אינדערמיט ואלקינו בשמים כל אשר חפץ עשה, און דערנאכדעם פארוואס זאגט ער איה נא אלקיהם, ווי איז דער באשעפער פרעגען זיי, אויף דעם ענטפערט מען צוריק ואלקינו בשמים, הקב״ה איז דאך מלא כל הארץ כבודו, כל אשר חפץ עשה, דא אויף דער ערד איז דען נישט כל אשר חפץ עשה, ביים בוכ״ע איז דאך אלסדינג כחפצו וכרצונו ית״ש, פארוואס זאגט מען נאר ואלקינו בשמים.

האב איך געזאגט די גמרא זאגט (סוף סוטה) די גמרא רעכנט אויס וויאזוי דאס דור וועט אויסזעהן בעיקבתא דמשיחא, דאס דארף מען נישט איבער צו חזר׳ן, אז מ׳קוקט אהן דאס דור זעהט מען דאך, אלעס איז אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא, די הייליגע חכמים האבן דאס געזאגט פאראויס, פארוואס לאזט מען אויס אין

KolSatmar.com

לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים, און ווען ס׳איז א גוט דור פון צדיקים וקדושים איז דען דא עפעס אנדערש, אלעס איז דאך נאר א כח אלקי, אלע גרויסקייט איז דאך נאר אז מ׳פארלאזט זיך אויפן באשעפער.

**נאר** אברהם אבינו האט געזאגט, שטייט אין פסוק אז ער האט געזאגט, קודם האט ער געזאגט אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי, און דערנאך האט ער הערשט געזאגט אלקי הארץ, פארוואס האט ער קודם נאר געזאגט (אלקי) השמים און דערנאכדעם אלקי הארץ, איבערדעם האט געזאגט אברהם אבינו, אין תחילת האט ער געזאגט אשר לקחני, איז הקב"ה נאר געווען בשמים, אויף די ערד האט מען נישט געוויסט, ס׳איז געווען א הסתר, מ׳האט נישט געוויסט השגחתו יתברך שמו, אז ס׳איז דא א באשעפער, ס׳איז געווען די גרויסע הסתרה, נאר אויפן הימעל האט מען אלץ געוויסט, דערנאך האט ער געזאגט איז געווארן אלקי הארץ, אזוי טייטשט דאך רש"י, אשר לקחני מבית אבי, אברהם אבינו - ער האט מודיע געווען כבודו יתברך שמו על הארץ, דורך אים איז די גאנצע וועלט געוואר געווארן, אז ס׳איז דאָ אַ באשעפער ויף די וועלט, אז דער בוכה"ע איז געווארן אלקי הארץ, און ס׳איז ׳שט געווען אזא הסתרה, יעדער האט געזעהן די השגחה.

**איבערדעם** דאס קען זיין, די גמרא רעכנט אויס דאס דור, ווי אזוי דאס זעהט אויס, אין אזא ביטער דור איז אין לנו על מי להשען אלא על אבינו "שבשמים", ווייל בארץ דאך זעהט מען גארנישט, א פינסטערער חושך, ווער ס׳וויל נישט גלייבען חלילה דער האלט זיך ביי זיינעם, חלילה אז ס׳איז אלעס א מקרה, ווי דער רמב"ם זאגט אם תלכו עמי בקרי, מ׳הענגט אהן אין כחי ועוצם ידי עשה לי, אזוי זעה מיר אויס, ס׳איז נאר אבינו שבשמים.

KolSatmar.com

דוד המלך האט מקונן געווען, למה יאמרו הגוים איה נא אלקיהם, וואס איז דער טעם, ווייל ס'איז נאר ואלקינו "בשמים" כל אשר חפץ עשה, אויפן הימעל ווייסט מען כל אשר חפץ עשה, אויף דעם עולם איז א ביטערע הסתרה, א חשכות נורא, מ'זעהט נישט און מ'הערט נישט, דאס זענען די גרויסע ביטערע נסיונות, דאס איז באמת א לימוד זכות אויפן כלל ישראל, מ'איז אין אזא ביטערע חשכות, נאך עקסטערע סייעתא דשמיא אז ס'איז נאך דא יודן מאמינים בני מאמינים, מ'דארף מיר אויף דעם אליין לויבן צום באשעפער.

איך האב שוין אסאך מאל געזאגט דאס, אין תהלים שטייט למה יאמרו הגוים, ס'איז א פסוק דאס אין תהלים, און אזא פסוק איז דא אין תנ"ך אין יואל (ב' י"ז) למה יאמרו בעמים איה נא אלקיהם, פארוואס שטייט נישט אין פסוק למה יאמרו העמים, נאר בעמים, דא שטייט למה יאמרו הגוים, עס שטייט נישט בגוים, עס שטייט הגוים, און דא שטייט בעמים, איך האב שוין דאס אסאך מאל געזאגט, ווי מ'זעהט בעוה"ר, אז ווילאנג די גוים האבן נאך געפרעגט איה נא אלקיהם איז נאך נישט געווען אזא צרה, מ'ווייסט גוים פון וואנעט זאלן זיי וויסען, זיי האבן נישט קיין תורה זיי האבן נישט קיין אמונה, וואס א ווינדער אז גוים פרעגן, אבער יודן האבן נישט געפרעגט, בעוה"ר דאס התבוללות איז אזוי גרויס, ווייל מ'איז אזוי לאנג אין גלות, מ'איז מפוזר ומפורד בין העמים, צווישען די עמים און צווישען כופרים, בעוה"ר יודן פרעגן שוין ! איבערדעם זאגט ער למה יאמרו בעמים, די וואס זענען אויסגעמישט צווישען די עמים, ער וויל נישט ארויסזאגן נעבעך אז די יודן פרעגען, יאמרו ישראל, נאר ער זאגט למה יאמרו בעמים, ער מיינט נישט העמים נאר די וואס זענען צווישען די עמים.

KolSatmar.com

**איבערדעם** אז מ'קומט זיך צונאזאם אין אזא טאג, בעט מען זיך ס'זאל זיין התגלות אלקותו יתברך שמו, הושענא, מ'זאל געהאלפן ווערן, ס'זאל זיין למענך אלקינו, ס'זאל זיין אלקינו, מ'זאל איבעראל זעהן קבלת עול מלכות שמים באמת, אז עס קומט אזא טאג ווי הושענא רבא, מ'האמיר נאך אין דעם טאג אליין א קורץ שטיקעל צייט, נאר געציילטע מינוטען וואס מ'האמיר נאך אין דעם טאג, מורי ורבותי! לאמיר זיך בארעכענען, מ'זאל מיר נאך די זכיה האבן מ'זאל מיר עפעס אויפטיען, לאמיר נישט אוועקגיין פון דעם טאג מיט גארנישט, א יעדער זאל זיך ביי זיך בארעכענען, מ'דארף דאך נישט אויפצורעכענען, יעדער ווייסט דאך ביי זיך ווי ווייט מ'איז געבעך מלא עוונות ופשעים, ווי ווייט מ'איז פארשמירט פון א גאנץ יאר, די טעג מיט די נעכט, צו מ'האט זיך עפעס אנגעגרייט תורה ומצוות, איידער מ'זאל צוקומען מ'זאל קענען זאגן אמת'דיגע דיבורים פארן בוכ"ע, לאמיר זיך בארעכנען, מ'דארף אויף דעם אליין סייעתא דשמיא, די הערצער זענען פארשטאפט, אטומים והתומים, פון דעם גרויסען ביטערען חשכות, דער אמת איז דאך אזוי, די אלע יודן וואס זיי קומען זיך צונאזאם אין די בתי מדרשות, איבערהויפט, די הייליגע טעג, און צום לעצט הושענא רבא, זיי וואלטן גערן עפעס געטוהן, אוי! מ'וואלט זיך גערען געוואלט אויסגיסען דאס הארץ פארן לעבעדיגן באשעפער, מ'דארף זיך בארעכענען וויאזוי מ'זעה מיר אויס, ווי וואויל און לעבטיג העט געוועזן ווען מ'זאל מיר מיט עפעס ארויסגיין פון דאנעט, מ'זאל מיר ארויסגיין מיט א לעבטיג הארץ, דער עיקר איז מ'דארף מיר בעטען ביים באשעפער אליין א השפעה, הב לן שאילתין ובעותין, אז דער בוכ"ע זאל אונז געבען א כח מ'זאל מיר קאנען בעטען די שאילתין ובעותין, אונז דארף מיר האבן א השפעה פונעם בוכ"ע.

KolSatmar.com

הכל הולך אחר החתום, דער זיידע זכרונו לברכה אין ישמח משה ברענגט ער, הכל הולך אחר החתום, זאגט תוס' דאס מיינט מען דעם גמר, דער גמר איז דאך היינט, דער גמר החתימה איז דאך היינט הושענא רבא, לאמיר זיך בארעכענען, דאס זאל מען וויסען אז אין אמת'ן אריין אויבען בשמים מ'פארגעסט נישט פון קיינעם, מ'געדענקט פון אונז אלע אין פרטיות, און אין כלליות, מ'פארגעסט נישט פון קיינעם, נאר אונז אליין פארגעס מיר זיך ווי מ'האלט מיר, לאמיר זיך אמת'דיג צוברעכען דאס הארץ פארן בוכ"ע און בעטען ביי השי"ת אליין א השפעה אלקית, הגם בעוה"ר מ'האט נישט מיט וואס צו קומען, וואס האמיר זיך עפעס אנגעגרייט, וויפיל תורה ומצוות און וויפיל אמת האמיר אין זיך.

ס'איז ידוע דאס משל וואס שטייט אין סידורו של שבת (שורש א' ענף ב') אמאל א טאטע האט אויפגעצויגען א קינד, ס'איז געווען ער האט נאך גארנישט געהאלפן, עס האט נאך נישט געקאנט רעדען און טון קיין שום תנועה, ווען דאס קינד איז אביסעל גרעסער געווארן, ער האט שוין אנגעהויבן צו רעדן די ערשטע צוויי ווערטער, ער האט געזאגט טאטע, איז דער פאטער געווען מלא שמחה, ווען ער האט דערהערט אז דאס קינד זאגט שוין טאטע, ער הייבט שוין אן צו רעדען, אז ער דערקענט דעם פאטער און ער זאגט טאטע, ווען ער איז עלטער געווארן האט ער אים אנגעהויבען צו לערנען אלע חכמות, ער האט מיט אים געלערנט ער זאל פארשטיין די אלע זאכען ווי א פארשטענדליכער מענטש, ער זאל רעדען צו דער זאך, ער זאל פארשטיין צו דער זאך, אז ער האט געזעהן ער פארשטייט נישט, ער רעדט נישט צו דער זאך, האט אים ווי געטיען זייער, ער איז ברוגז געווארן און ער האט אים געשלאגען, פארוואס רעדסטו נישט צו די זאך, פארוואס רעדסטו נישט ווי ס'גיהער צו זיין, און דאס קינד איז געווען אויף צרות, און ער האט געבעטען טאטע! געדענקסט נאך אמאל ס'איז ביי דיר חשוב געווען, ווען

KolSatmar.com

כ׳האב געזאגט דאס איינע ווארט טאטע, בין איך שוין געווען זייער חשוב ביי דיר, אזויפיל זאג איך נאך היינט אויבעט.

**אוי** דאס קען מען זאגן אויף אונז, דער בוכ"ע האט אונז ארויסגעצויגען פון מצרים, אברהם אבינו האט מפרסם געווען מעשי השי"ת, אין אנהייב ווען מיר האבן געוויסט צו זאגן אבינו שבשמים, אז מ׳האמיר א טאטען אין הימעל, איז אויך חשוב געווען ביים בוכ"ע, איצטערט פארלאנגט מען אוודאי פון אונז אז מ׳זאל רעדען צו דער זאך, מ׳זאל זאגן אמת׳דיגע דיבורים, מיט פארשטאנד, מיט צובראכענע הערצער, מ׳זאל פארעכטען וואס מ׳האט פוגם געווען, אבער בעוה"ר אונז זעמיר זייער וויט דערפון, און ס׳איז ח"ו א חרון אף, דער בוכ"ע ווארט פון אונז עפעס גיטע דיבורים, אונז קען מיר זיך אזוי פיל בעטען ביים באשעפער אז ער זאל געדענקען, ס׳איז אמאל חשוב געווען אז מ׳האט געזאגט דאס איינע ווארט טאטע ! דאס קען מיר נאך היינט אויך זאגן, מ׳זאל בעטען טאטע זיסער אין הימעל ! האב רחמנות אויף אונז ! רחמים מן השמים קען מען בעטען היינט אויך ! דאס וועט אויך חשוב זיין ביים באשעפער ! לאמיר זיך בעטען ביים בוכ"ע ער זאל אונז משפיע זיין אין די הערצער, מ׳זאל מיר נאך זאגען אן אמת׳דיג ווארט פארן בוכ"ע, לאמיר זיך בארעכענען, לאמיר מקבל זיין דעם עול מלכות שמים, אז מ׳זאל זיך נישט אזוי פירען ווי ביז היצטערט, מ׳זאל נישט קוקען ווי מ׳טאר נישט, מ׳זאל נישט רעדען וואס מ׳טאר נישט, מ׳זאל נישט איינזין האבן וואס מ׳טאר נישט, מ׳זאל מיר זיך מדבק זיין אין דרך האמת, אז מ׳וועל מיר די זכיה האבן, מ׳וועל מיר דערלעבען די ישועה מיטען מלך המשיח, און משה רבינו וועט מיטקומען מיטען מלך המשיח, מיט די אבות הקדושים, דעמאלטץ וועל מיר אוודאי אנדערש תשובה טון ווי ביז היצטערט, ווי דוד המלך האט געזאגט, אזוי שטייט אין די גמרא (ברכות ד׳) איך וויס אז די גיסט שכר לצדיקים לעולם הבא, נאר

KolSatmar.com

ווער ווייסט צו איך וועל דאס זוכה זיין, אזוי האט גאר דוד המלך געזאגט, על אחת כמה וכמה ברויך מיר זיך אונז צו באַרעכענען, דער בוכ"ע וועט אוודאי העלפן יודן, מ'וועט זוכה זיין צו זעהן ביאת המשיח, וואויל אין לעכטיג וועט זיין די יודן, נאר ווייסט השי"ת ווער עס וועט עס וועט דאס זוכה זיין, לאמיר מתפלל זיין אונז זאל מיר אויך זיין פון דעיע, לאמיר זיך כולל זיין מיטען כלל ישראל, אונז זאל מיר אויך זעהן די ישועה, און דעמאלטץ וועל מיר אוודאי אמת'דיג תשובה טון, אז מ'וועל מיר זוכה זיין זעהן דאס לעכטיגע אור, וועט מען באקומען אנדערע הערצער . . . הושענא למענך אלקינו, דאס אליין איז די ישועה אז ס'זאל זיין אלקינו, ממילא וועט זיין הוא אבינו.

**באמת** איז דאס נאר ביים בוכ"ע אין די הענט, די גמרא זאגט (ע"ז ג') ווען ס'וועט קומען לעתיד וועלען זיי פרעגען כלום אב מעיד על בנו, הקב"ה וועט זאגן אני מעיד בישראל, זאגט די גמרא אן אנדערן תירוץ, מ'וועט מוזן מעיד זיין מכם ובכם, פרעגט מען די קשיא, קושיא לאלקינו ית"ש, פארוואס האט דער בוכ"ע געזאגט אזא זאך וואס ער ווייסט אז מ'קען אפווענדען, עס שטייט נישט קיין תירוץ דערויף, נאר דער אמת איז, אויפן בוכ"ע איז נישטא די קשיא, איינס ווייל מהימן עליו כבי תרי, די גמרא זאגט דארט אין כתובות (פ"ה) דקים לי בגווי וכו' קרענא שטרא אפומיה, דעם וואס מ'ווייסט זיכער אז ער זאגט אמת דער איז באגלייבט, מ'האט עס נישט איבערגעגעבען מבחין צו זיין פאר א בשר ודם, פארצייטענס איז געווען, האט מען ג'פסק'נט, מ'זאל זאגן קום לי, ממילא ביים בוכ"ע איז דאך קיינער נישט מסופק, קען מען נישט פרעגען א קשיא אויפן עדות פון בוכ"ע, נאר זיי זענען נישט קיין מאמינים, זיי זענען כופרים, פרעגען זיי אזאלעכע קשיות, אבער לשיטתם, אז ער גלייבט נישט האט מען געמוזט טרעפן אן אנדערע תירוץ, אבער פאר יודן איז עס א תירוץ מספיק, און ווידעראים די גמרא זאגט (קידושין

KolSatmar.com

ע״ה) ער איז באגלייבט צו זאגן זה בני, ווייל מגו דאי בעי מיתבה, ווייל ער קען עס עם אהין געבען ממילא פאר דעם איז ער באגלייבט מיט א מיגו, אז מ׳גלייבט אז אלעס איז ביים באשעפער אין די הענט, ממילא וואס איז שייך צו זאגן, ממילא איז ער באגלייבט אויף אלסדינג מיט א מיגו, וצדקינו במשפט המלך המשפט, קודם ווייל האוחז ״ביד״ מדת משפט, און ווידעראים וכל מאמינים שהוא ״אל אמונה״ - ווייל ס׳איז אלקינו - דער בו״ע איז דאך שוין באגלייבט אויף דעם, אם כבנים רחמינו וכו׳ ואם כעבדים עינינו לך תליות, קיינער קען דאס נישט דן זיין נאר דער באשעפער אליין, קיינער קען נישט אפוועגען די מחשבות פון א מענטש וויפיל אמת ס׳איז דא דערינען און וויפיל שקר ס׳איז דא דערינען, נאר כביכול דער באשעפער אליין אן אנדערער קען דאס נישט אמאל וועגען, אויף אלענפאלס, אז מ׳זאגט למענך אלקינו איז אלעס נכלל.

**דער** אמת וויאזוי ס׳וועט אויסזעהן נאך די ישועה נאך ביאת המשיח, קען גאר א מענטש נישט באגרייפען, אזוי ווי דער רמב״ם זאגט, אזוי א סומא שלא ראה מאורות מימיו קען ער נישט אויסמאלען קיין פארבען וויאזוי ס׳זעהט אויס, ווייל ער האט קיינמאל נישט געזעהן, אזוי זאגט ער איז ביי א מענטש וואס איז דא אויף דעם עולם דער קען זיך נישט אויסמאלען וואס איז דער שכר לעוה״ב, וויאזוי דאס זעהט אויס, אז די האסט אזוינס קיינמאל נישט געזעהן, ס׳איז למעלה מהשגתינו, אזוי דעם מצב פון נאך ביאת המשיח וויאזוי ס׳וועט אויסזעהן דאס דערהויבענקייט, דאס רוחניות, דאס לעכטיקייט, וויאזוי מ׳וועט דינען דעם באשעפער מיט אזא שמחה, מיט אזא טהרה, מיט אזא קדושה נפלאה, דאס קען מיר אונז גארנישט פארשטיין, מ׳ווייסט גארנישט אויף וואס צו בעטען, נאר מ׳בעט מיר אויף דעם וואס דער באשעפער ווייסט, אז מ׳זאגט למענך אלקינו איז נכלל מער וויפיל אונז קען מיר זאגן, אונז ווייס מיר גארנישט, נאר לויט די ידיעה פונעם בוכ״ע אזוי זאל מיר אונז

KolSatmar.com

געהאלפן ווערן, אונז פארשטיי מיר גארנישט, מ׳ווייסט ניטאמאל וויאזוי צו בעטען, אשאלה ממנו מענה לשון מ׳האט נישט קיין דיבורים, בעוה״ר מ׳איז אזוי נתגשם מ׳האט נישט קיין דיבורים, ווי לאנג נאך וועט מען ווארטען, ווי לאנג נאך, ווי לאנג נאך וועל מיר ארויס גיין מיט אזא התגשמיות, ס׳איז שוין צייט אז אונז זאל מיר זיך בארעכענען, לאמיר זיך בעטען צום בוכ״ע אז ער זאל אונז העלפן לויט די השגה וואס נאר דער בוכ״ע ווייסט, איבערדעם זאגט מען אז נישט לויט אונזער ידיעה, נאר למענך אלקינו, מ׳זאל מיר אזוי געהאלפען ווערען, דורך דעם וואס וועט זיין א נחת רוח פארן באשעפער, דאס וועט זיכער גוט זיין, עפעס אנדערש ווייס מיר נישט וואס איז גוט, מ׳ווייסט נישט אויף וואס צו בעטען, וואס ווייסט דען א מענטש, איבערהויפט אין אזא חשכות, אין אזא הסתרה, אונז קאן מיר נאר בעטען למענך אלקינו, און דער אמת דער כבוד שמים, דאס איז אייביג נייטיג.

איך האב עס אויך שוין געזאגט לאנג דעם פשט אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים, ווען ס׳איז געווען צדיקים אויף דער וועלט, ס׳איז געווען די פארצייטיגע קדושים, בעט מען אין זייער זכות, היצט ווען מ׳רעכנט אויס די זכותים, דארט ווי די גמרא רעכנט אויס אזא דור, וויאזוי ס׳וועט אויסזעהן בעיקבא דמשיחא, איז נאר דאס געבליבען, דאס קאן מיר בעטען, אונז קאן מיר בעטען וועגען כבוד שמו יתברך, ער איז דאך אייביג ווערד, דאס איז נאך נייטיגער אין דעם דור ווי אין די פריערדיגע דורות, בעוה״ר בושנו מכל דור, אוי מ׳זעמיר פארשעמטע מענשטען מער ווי אין אלע דורות, מ׳זעהט אזוי אוים נידעריג און פארשעמט, וואס אמאל איז נידעריגער דאס התגשמות, דער בוכ״ע זאל אונז שוין העלפן אז מ׳זאל די זכיה האבן אז מ׳זאל קענען דינען דעם באשעפער באמת, מ׳זאל געהאלפן ווערען דורך

KolSatmar.com

השגחתו יתברך, ס׳זאל מקוים ווערען די ווערטער וואס מ׳זאג מיר ופתחון פה למיחלים לך, דאס איז דער פשט למענך אלקינו.

הושענא למענך אלקינו הושענא

**איצט** זאגט מען למענך בוראינו, דער רמב״ן הקדוש זאגט אין פרשת האזינו, לולי כעס אויב אגור פן ינכרו צרימו פן יאמרו ידינו רמה, אז דער בוכ״ע וועט העלפן יודן, ממילא פארוואס דארף מ׳ר צו זאגן וואס א חילוק די אומה״ע צו זאגן זיי יא צו זאגן זיי ישט, נאר זאגט ער דער תכלית הבריאה איז געווען ס׳זאל ארויסקומען א כבוד שמו יתברך, דאס קאן נישט ארויסקומען נאר פון יודן וואס זיי האבן מקבל געווען די תורה הקדושה, איבערדעם חלילה ווען נישט דאס וואס מ׳ווארט מיר אויף ביאת המשיח, זעמיר דאך אז די גאנצע בריאה איז דאך געווען אז ס׳האט נישט געהאט קיין תכלית, איבערדעם איז עס טאקע א הכרח, מוזן יודן געהאלפן ווערען, דאס איז דאך די גאנצע תכלית פון די בריאה, דורך דעם וואס יודן וועלען געהאלפען ווערן, און זיי וועלען אמת׳דיג תשובה טון, אפילו אז עס וועט נישט זיין בשלימות פאר ביאת המשיח, וועט עס זיין נאך ביאת המשיח, דאס ווייסט מען, מ׳זאל מער די זכיה האבן אז מ׳זאל עפעס אנהייבען איצטערט, ווייל דעמאלטץ איז אן אנדערע כח, אבער עכ״פ דעמאלטץ וועט ארויסקומען דער תכלית הבריאה, בעוה״ר לויט דעם היינטיגען מצב פארשטייט מען דאך נישט דעם גאנצען תכלית הבריאה, ביים בוכ״ע איז דאך נגלה, ביי אים איז עבר הוה אין עתיד ברגע אחד, דער בוכ״ע זעהט דאך דאס עתידות, זעהט ער דעם תכלית הבריאה, אונז וועל מיר הערשט זעהן דעמאלטץ, אדרבה איז דאס א הכרח אז מ׳זאל מיר געהאלפן ווערען טאקע וועגען תכלית הבריאה, איבערדעם בעט מען זיך מ׳זאל ממהר זיין מ׳זאל מיר שוין ארויסזעהן דעם תכלית הבריאה.

הושענא למענך בוראינו הושענא

KolSatmar.com

**איצט** זאגט מען למענך גואלינו, מ׳זאגט בלשון הוה, דער בוכ"ע לייזט אויס יודן כסדר פון אלע צרות, אפילו ווילאנג מ׳איז נאך אין גלות, שתרחמיני עוד בגלותי לגאלני, מ׳זאל אויסגעלייזט ווערען נאך ווילאנג מ׳איז אין גלות, אוודאי מ׳האף מיר בקרב אויף די גאולה אמיתיות, אבער ביז דערוייל, די הערצער זענען אין גלות אין שיעבוד, מ׳איז אין גלות ביי די אומות מ׳איז אויף צרות, מ׳איז אין גלות ביי די רשעי ישראל, ס׳שטייט אין ייטב פנים, מ׳זאגט פחודים הם מכל צרות ממחרפיהם ומגדפיהם, פון די אייגענע מחרפים ומגדפים, פון די יודן טאקע, אזוי איז מען כסדר אין גלות, און מ׳איז אין גלות ביי זיך.

**אזוי** טייטשט דער תולדות די מסורה ושמתי פדות בין עמי ובין עמך - פדות שלח לעמו צוה לעולם בריתו - כי עם ה׳ החסד והרבה עמו פדות, זאגט דער תולדות ס׳איז דא דריי ערליי גלות׳ן, די גלות פון די גוים, און די גלות פון די רשעי ישראל, אין דאס גלות וואס מ׳איז ביי זיך, דאס ערשטע ביי די גוים, ושמתי פדות בין עמי ובין עמיך, און יענס גלות ווידער פדות שלח לעמו, די וואס זענען מיוחד, עמו יתברך, זיי זענען לה׳ ולתורתו, מ׳זאל אויסגעלייזט ווערן פון די וואס זענען כנגד התורה און כנגד האמונה, **בעוה"ר ווען די פריערדיגע צדיקים העטען דאס געווען צוגעזעהן וואס מ׳זעהט צו היינט אין ארץ הקדושה, ס׳וואקסט א דור, איך וויל נישט דא אויסרעכענען דאס שטאטיסטיק, אז פינעף אין ניינציג פראצענט איז הכל מודים אז מ׳לערינט זיי אויס פאר כופרים ל"ע, אוי ואבוי! אז פינעף און ניינציג פראצענט לכל הדיעות אין ארץ הקדושה וואקסען אויף כופרים גמורים, מ׳לערענט זיי כפירה, און די פארשפרייטען אויף די גאנצע וועלט כפירה, בעוה"ר אין די פינעף פראצענט איז אויך דא זייער ווייניג,** איך וויל נישט רעדען דא פון דעם היצטערט, אבער דאס איז הכל מודים, וואס האט מען צו רעדען געגוג מ׳קוקט אן וויאזוי דאס זעהן אויס,

KolSatmar.com

זאל מען אנקוקען א חינוך, אוי וואס א דור וואקסט דארט במקום הקודש, ווען די פריערדיגע צדיקים העטען דאס ווען געזעהן, אוי ווי ! העטען זיי עס נישט אויסגעהאלטן, זיי העטען נישט ווען געקענט האבן קיין אריכות ימים, אז מ'האט אנגעקיקט אזא מצב, נאר אונז זעמער נעבעך אזוי מגושם, מ'האלט דאס אויך אוים, אין איש שם על לב, מ'שלינגט דאס אראפ ווי א שלונג וואסער, אוי ווי מ'האט ווען געדארפט איינצורייסען אויף אזא מצב, ווען מ'קומט זיך צוזאם יודן אין א ביהמ"ד העט מען געדארפט צו ליגען אויף דער ערד מיט בכיות נוראות, אז מ'קוקט אן אזא מצב, לאמיר נישט שווייגען ! מ'זאל נישט שוינען קיין טרערן פארן בוכ"ע, אפשר וועל מיר דאך דערגרייכען א ישועה, אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים.

דער זיידע זכרונו לברכה דער הייליגער ישמח משה זי"ע האט געזאגט אין די לעצטע דרשה פארן הסתלקות, אז גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם אז ווען ער העט ווען דאס געוויסט אין די יונגע יארן אז ס'וועט אזוי לאנג דויערען דאס גלות העט ער ווען נישט געקאנט ווערען קיין אלטער יוד, ער האט געקלאגט נעבעך צום בוכ"ע די האסט מיך אויסגענאר'ט, אז איך זאל מיך קענען דערהאלטען אויף דעם עולם, האט ער געזאגט רבש"ע וואס פאר א נוצן איז אז די האסט אוים געפאפט אן אלטען נאַר, אזוי האט ער געזאגט אויף זיך, אוי וואס טוט ער היינטערט אויבען ווי האט מען זיך געקאנט אויסמאלען אזא מצב, אפילו א לב האבן ווערט דאך אויך צושפאלטען אז מ'קוקט אן אזא מצב, אוי ואבוי.

איבערדעם זאגט מען גואלינו לשון הוה, אז דער בוכ"ע לייזט אונז אויס, אז מ'זאל זיך דערהאלטען ביי דער אמונה,

KolSatmar.com

אז מ׳זאל אויסגעלייזט ווערען פון אלע דריי גליות, ביי זיך אליין איז מען אין גלות, אמאל נעמט מען זיך אליין אין אכט אז מ׳קען זיך נישט העלפן מ׳איז געפאנגען, ווי דער אלגזי טייטשט מכל משמר נצור לבך, זאלסט דיר אפהיטען דאס הארץ ס׳זאל נישט ארייגפאלען אין א תפיסה, מכל משמר נצור לבך, דער בוכ״ע לייזט אויס יודן כסדר, אז מ׳בעט דעם באשעפער און מ׳פארלאזט זיך אויף אים, דער עיקר איז טאקע די גאולה אמיתיות אבער ביז דערווייל יעדע רגע ברויך מען א גאולה, מ׳זאל מיר אויסגעלייזט ווערען פונעם אייגענעם גלות און פון אינדרויסענדיגען גלות.

## הושענא למען גואלנו הושענא

איצט זאגט מען למענך דורשינו, איך האב אמאל געהערט פון טאטען זכרונו לברכה אויך הושענא רבא, ער האט געטייטשט למענך דורשינו, הקב״ה האט געוויזען פאר אברהם אבינו און פאר משה רבינו דור ודור ודורשיו דור ודור ושופטיו, למענך דורשינו, וויאזוי מ׳זעהט אויס, דאס האט ער נאך געזאגט דעמאלטץ בימיו, ער האט זיך זייער מתאונן געווען אויף די לעצטע דורות, אויף די דורשי ישראל, איך געדענק נישט וויאזוי ער האט דאס אריינגעשטעלט אין דעם דורשינו, די דורשיו אין דעם דורשינו וואס מ׳זאגט פארן בוכ״ע למענך דורשינו, באמת דער זיידע זכרונו לברכה אין ייטב לב זאגט נאך פונעם הייליגען ראפשיצער רב זי״ע, דער ראפשיצער רב האט געזאגט פארוואס זאגט מען דור ודור ודורשיו, און וואס איז די צווייטע מאל, און דארף וועט זאגן דורשיו ודורו, דורשי הדור ודורו, פארוואס כאפט ער אן קודם דאס דור, האט דער ראפשיצער רב געזאגט ער האט אים געוויזען דאס לעצטע דור מיט די שופטים וועט עס אים זייער שלעכט געפאלען, ער וועט אנקוקן אין די לעצטע דורות ווי אזוי ס׳זעהט אויס, האט ער געוויזען קודם דאס דור, איך האב עס שוין

KolSatmar.com

געזאגט אסאך מאל, אז היינט איז גארנישט קיין קשיא פארוואס ער איז מקדים דאס דור, בעוה״ר דאס דור פירט די דורשים מיט די שופטים, זיי זענען טאקע פריער.

**נאר** דאס ענין וואס אונז זאג מיר למענך דורשינו, מ׳זעהט דא אין נ״ך, אין יחזקאל (סי׳ ל״ד) הוי רועי ישראל, איז ער מתאונן דאס גאנצע קאפיטל, איך זאג דאס אסאך מאל ער איז דארט מתאונן אין גאנצן קאפיטל אויף די דורשים און אויף די שופטים, די רועי ישראל ווי אזוי זיי פירען זיך אויף, דאס גאנצע דור גייט צוגרונד, און דער בוכ״ע זאגט איך וועל מציל זיין צאני מיד הרועים, איך וועל אליין זיין דער רועה, ועבדי דוד מלך עליהם, ביז דוד המלך וועט זיין, דאס גייט ארויף אויף ביאת המשיח, שנאמר ועבדי דוד מלך עליהם, הקב״ה אליין וועט זיין דער רועה, זעהט מען דאך אז מ׳מיינט גאר דאס דור פאר ביאת המשיח, נאר וואזשען דען, א חידוש ער זאגט ועבדי דוד מלך עליהם, און איך וועל זיין איך וועל מציל זיין צאני, אונז זאג מיר ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחלה, שופטיך אלו משה ואהרן ויועציך אלו שלמה ודוד, און זיי וועלען דאך זיין נאך ביאת המשיח, איז דאך יא דא דורשים, ממילא אויף דעם דור זאגט ער אז הקב״ה עהט זיין דער רועה, ווייל ס׳איז נישטא, אפשר קען זיין איז עס טאקע איינס, אז ס׳איז דא אמת׳דיגע דורשים ושופטים איז דער בוכ״ע דער דורש, אז מ׳טוט נאר דער רצון הבוב״ה, ער לאזט זיך נישט פירען פון קיינעם, מ׳זיכט נאר דעם רצון הבורא ב״ה, און אויב די פירען יודן אזוי ווי ס׳איז דער רצון הבורא ב״ה איז דאך דער מקור דעמאלטץ איז הקב״ה דער רועה ישראל, קען זיין דאס מיינט מען טאקע אז מ׳וועט שטעלען אזעלכע דורשים ושופטים אזוי ווי פארצייטענס, ממילא וועט הקב״ה זיין דער רועה, דאס איז איין זאך, אזוי קען אפשר זיין.

KolSatmar.com

און אפשר גאר אזוי, מ'זעהט דורשים ושופטים, מ'זעה מיר גאר ביי משה רבינו איז דאך אויך געווען, די וואס זיי האבען נישט געגלייבט האבן זיך געזיכט אנדערע, אזוי ווי ס'איז געווען ביי די מחלוקת פון קרח וכדומה, הגם דאס איז אויך געווען גרויסע מענטשען, אפי' דתן ואבירם, איך וועל נישט מאריך זיין, אבער עכ"פ איבערדעם אפי' ווען זיי וועלען קומען ווייסט מען אויך נישט, דאס דור ודורשיו די פריערדיגע, וועט מען קודם מאכן א הפסק און דער בוכ"ע אליין וועט זיין דער רועה, און ער וועט אריינשיינען אין יודן, וועט מען מקבל זיין משה רבינו וועט בלייבן דער רועה מיט דוד המלך'ן, קען זיין דאס התרחקות איז מען גאר ווייט דערפון, איז מען גאר ניטאמאל ראוי דערצו, נאר דער בוכ"ע איז א כל יכול, דער בוכ"ע קען דאך מקרב זיין יעדען, המשפילי לראות בשמים ובארץ וגו' מאשפות ירים אביון, ער זאל אויפהייבען מאשפות עניים דלים, מעפר דל קען נאר כביכול דער בוכ"ע אליין, דערנאך וועט זיין דוד המלך, יהיה איך שיהיה, איך וויל נישט דא מאריך זיין, ס'איז דא נאך פשטים וואס מען קען זאגן, (עיי' בדברי יואל פ' אמור עמוד רט"ז באורך), **אזוי זאגט דער פסוק אז הקב"ה אליין וועט זיין דער רועה ישראל, אויף דעם איז מען מתפלל אין די לעצטע יארן פאר ביאת המשיח אז מ'זאל מיר זוכה זיין שוין צו זעהן אז הקב"ה זאל זיין אונזער דורש, אונזער שופט, הקב"ה זאל זיין דער רועה ישראל, דעמאלטץ וועל מיר זיך אוודאי אנדערש פירען, אז מ'וועל מיר האבן אזא מנהיג**, ווי דער פסוק זאגט, אז הקב"ה זאגט אז איך וועל זיין דער רועה ישראל.

## הושענא למענך דורשינו הושענא

**(הקפה א')** שטייט אין ישמח משה אין די פתיחה, דער מדרש זאגט מפני מה תלת ישר וחד מהופך, די תלמידים האבן געפרעגט רבי, (ער זאגט דארט באריכות דעם גאנצן מדרש

KolSatmar.com

כ׳וועל נישט מאריך זיין נאר דאס וואס איז נוגע לענינינו), תלת ישר וחד מהופך האט מען אים גענטפערט חותמו של הקב"ה אמת, זאגט ער די אלע פריערדיגע גאולות, דער דרך הייבט זיך אהן מיט א אתערותא דלתתא, אלעס איז באתערותא דלתתא וואס מ׳האמיר נאר געטוהן, אין מצרים זענען געגאנגען משה ואהרן, משה ואהרן זענען געגאנגען ווייל דער בוכ"ע האט זיי געהייסען גיין בנבואה, אזוי אייביג, און אזוי איז געווען ביים בית שני, די זענען טאקע געגאנגען און מ׳האט געבויעט, אבער די נבואה האט עס געהייסען, חגי זכריה ומלאכי האבן מתנבא געווען דעם זמן הגאולה, די אנשי כנה"ג און מרדכי און עזרא הסופר איז געווען דער מנהיג, נאר עפי"כ איז עס דאך געווען מיט א אתערותא דלתתא, אזוי איז דער דרך, די גאולה העתידה שטייט אין זוה"ק נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל מער וועט שוין נישט פארקומען אז ס׳זאל זיין קום בתולת ישראל אליין, אזוי ווי ס׳איז געווען אין די פריערדיגע גאולות, נאר הקב"ה יוקים להם, עס שטייט אין פסוק ופדויי ה׳ ישובון, זאגט דער מדרש עס שטייט נישט ופדויי משה ואהרן נאר ופדויי ה׳, פארוואס ווייל דאס וואס איז א פעולת בשר ודם איז נישט קיין נצחיות, דאס וואס ס׳איז דורכען בוכ"ע דאס איז א נצחיות, איבערדעם זאגט ער די גאולה העתידה טאר נישט זיין אויסגעמישט מיט גארנישט, ווייל דאס ברויך שוין צו זיין א גאולה נצחיות, מוז עס זיין דורכען בוכ"ע, דער כלל איז זאגט דאך דער רמב"ן, קטונתי מכל האמת אז א זאך א דבר המתקיים ווערט אנגערופן אמת, און א זאך וואס איז נישט קיין דבר המתקיים הייסט עס נישט קיין אמת, חותמו איז מלשון חותם איז דער גמר, הכל הולך אחר החתום, דער אמת דער גמר ווערט אנגערופן חותם, איבערדעם זאגט ער די גאולה העתידה וועט דאך זיין דער גמר פון אלעמען, ס׳וועט שוין מער נישט זיין קיין גלות, מוז עס זיין א דבר אמת, א דבר המתקיים, איבערדעם חותמו של הקב"ה איז אמת,

KolSatmar.com

איבערדעם טאר עס נישט זיין מיט קיין שום פעולות בשר ודם, אהן אתערותא דלתתא, איז עס נאר פונעם בוכ״ע אליין, פון אונז בעט מען איצטערט אז מ׳זאל מיר מקבל זיין דעם עול תורה און עול מלכות שמים, תשובה טון פארן בוכ״ע, און טון מצוות ומעשים טובים דאס וועט ברענגען די גאולה, אבער צו דער עצם הגאולה קען מען גארנישט טון, מ׳טאר נישט טון, מיט דעם האלט מען עס אויף.

**מיט** דעם טייטשט ער דארט אין ישמח משה, מפני מה תלת ישר, די פריערדיגע דריי גאולות זענען געגאנגען כסדרן, קודם אן אתערותא דלתתא און דערנאך אן אתערותא דלעילא, וחד מהופך אז ס׳גייט אלעס נאר פון אויבען, איז דערנאך שוין, ווען מ׳וועט ברענגען מן השמים די גאולה ווען דער בוכ״ע וועט עס אפטיען און דערנאך וועלען יודן טון וואס מ׳ברויך, וואס מ׳וועט זיי מצווה זיין, די אתערותא דלתתא וואס ס׳ברויך צו זיין וועט זיין שפעטער נאך די אתערותא דלעילא, פארוואס איז דאס אזוי, זאגט ער, ווייל חותמו של הקב״ה אמת, דער חותם איז א דבר המתקיים, די גאולה העתידה ברויך צו זיין א דבר המתקיים הייסט עס אמת, וואס איז חתמו של הקב״ה, מוז עס זיין דארעכען בוכ״ע אליין.

**איבערדעם** איז מען מתפלל למען אמיתך, ווייל די ישועה וואס איז פון בוכ״ע דאס איז דבר אמת, אונז קאן מיר גארנישט טון, נאר תפלות ותחנונים פארן בוכ״ע, אפילו תפלות שטייט דאך אויכעט טאר נישט זיין יותר מדאי, אבער דאס פארשטייט מען אז דאס איז נישט געזאגט געווארן פאר אונז, אונזערע תפלות זענען קיינמאל נישט יותר מדאי, נאר אזא תפלה וואס ס׳איז מכריח, דאס קאן מיר אונז ממילא נישט, אבער עכ״פ מיט אמת׳דיגע תפלות איז מען מקרב און א תועלת איז עס,

KolSatmar.com

איבערדעם בעט מען למען אמיתך, דעם בחי' אמת וואס איז דארעכן בוכ"ע, חותם של הקב"ה.

## הושענא למען אמיתך הושענא

**למען בריתך**, די גמרא זאגט תמה זכות אבות וברית אבות לא תמה, לכאורה וואס הייסט דאס ברית אבות, לעולם איז מיר אייביג קשה געווען ווי קאן זיין אז זכות אבות תמה עס שטייט דאך אין פסוק ועושה חסד לאלפים אויף צוויי טויזענט דורות, עס איז דאך נישטא נאך קיין צוויי טויזענט דורות, און :לל פרעגט מען דאך הארב, אז פון מתן תורה ביז צום אלף שביעי איז דאך שוין נישטא קיין שני אלפים דורות, פיער יזענט יאר, אפי' איך זאל זאגן אזוי ווי עס שטייט אין בה"ג אז מ'רעכינט צוויי יאר פאר א דור, איך וויל נישט מאריך זיין, דאס האלט דאך אויך נישט אויס, ס'איז דא נאך אנדערע תירוצים אויף דעם, אז דער בוכ"ע קאן באצאלן אין איינמאל דאס וואס מ'צאלט פאר אסאך דורות, ס'איז דא אנדערע תירוצים אויך איך וויל נישט מאריך זיין, אבער עכ"פ אויסגעלאזט די צוויי טויזענט דורות האבן זיך נאך נישט, און דער פסוק זאגט דאך אזוי אויף לאלפים, ווי קען זיין תמה זכות אבות, נאר אפשר קאן זיין עפעס א שטיקעל אחיזה מוז מען האבן, אוחזין מעשה אבותיהן בידיהן, ווייל אז מ'איז אליין אזוי ברויך מען דאך נישט האבן האט מען אייגענע זכותים, נאר אז מ'איז עכ"פ אוחז אין דעם דרך, מ'גייט אינעם דרך פון די אבות הק' מ'איז א הולך בדרכי אבות, קען זיין מ'האט געזעהן די דורות זענען נתמעט, מ'איז זייער דערווייטערט, מ'איז אפגעשניטן, מ'האט נישט קיין שום אחיזה אין דרכי האבות, איבערדעם האט עס נישט קיין כח חל צו זיין, אבער ברית איז א דבר המתקיים, ס'איז א כריתת ברית, דער בוכ"ע האט געמאכט א כריתת ברית, ס'איז א נצחיות, ממילא אפילו ס'דאכט זיך אז מ'איז שוין גאר

KolSatmar.com

ווייט, אבער דער בוכ"ע איז משפיע יעדע רגע, אונז דארף מיר געהאלפן צו ווערען מיט א שטיקעל השפעה אזוי ווערט א התקשרות, ממילא האט מען א אחיזה אין דרכי אבות, און דארעכען ברית קומט צוריק זכות אבות אויך.

דער בוכ"ע זאל העלפן טאקע מ'זאל מיר האבן א אחיזה, מ'זאל מיר זיין א הולך בדרכי אבות, מ'זאל נישט פארפאלן ווערען דאס ביסעל יודן וואס זענען נאך דא וואס מ'גלייבט נאך אין באשעפער, ווען מ'קומט זיך צינאזאם אין די בתי כנסיות און אין די בתי מדרשות ווי גרויס סייעתא דשמיא ברויך מען מ'זאל נישט מיטגעריסען ווערען מיטען שפלות הדור, דער בוכ"ע זאל משפיע זיין אלע יודן זאלן נאך תשובה טון, דאס ווייס מיר אונז נישט ווער ס'איז ראוי צו דעם ער זאל נתקרב ווערען לתשובה און ווער חלילה נישט, דאס ווייסט נאר איין באשעפער, אויף אונז איז מוטל מ'זאל אכטונג געבען אויף זיך אליין אז מ'זאל נישט מיטגעריסען ווערען, שנהיה דבר המתקיים כמו ברית מלח לעולם.

## הושענא למען בריתך הושענא

למען גדלך ותפארתך, דער כלל איז קיין גרעסערע דבר מגונה פון גיאות איז נישט פארהאנדען, א יעדע בחינה פון גיאות איז א דבר השנאוי, א דבר מגונה ביים בוכ"ע, נאר מיט שפלות וענוה, דאס איז דאס שיינקייט, אבער וועגען כבוד שמים, ה' מלך שטייט איז גאות לבש, אז מ'בעט פארן כבוד שמים טאר מען זיך נישט צוריקהאלטן דורך מדת ענוה, מ'מוז זיין א גרויסער מבחין וועלעכעס ס'איז פארן כבוד שמים, ווען ס'זאל זיין אזוי וועט דאס זיין א תפארת נאר צוליב דעם כבוד שמים, איז מען מתפלל ס'זאלביידע אינאיינעם גדלך ותפארתך,

KolSatmar.com

מ'זאל מיינען אלעס וועגען כבוד שמים, מ'זאל נישט נתגשם ווערען חלילה.

## הושענא למען גדלך ותפארתך הושענא

**היצט** בעט מען זיך למען דתך, ווי דער נועם מגדים זאגט לא חרבה ירושלים אלא על שהעמידו דבריהם על דין תורה, לכאורה וואס פאר א עון איז אז מ'טוט אלעס עפ"י די"ת, זאגט ער אז אפילו די עוולות וואס מ'האט געטיען שלא כדין האט מען עס אויך אנגעהאנגען עפ"י התורה, דאס איז דער גרעסטער אומגליק, אז מ'טוט אן עון און מ'ווייסט אז ס'איז אן עון קען מען אבער תשובה טון, און מ'ווייסט זיך צו היטען, אז מ'הענגט אלעס אן אז דאס איז טאקע דער דעת תורתינו הקדושה נעמט מען דתו יתברך שמו און ס'איז אין גלות, מ'נוצט עס אויס שלא כהוגן, מ'איז מגלה פנים בתורה שלא כהלכה, אזוי ווי ס'איז בעוה"ר היינט, ס'איז א גרויסער טייל וואס אויף אלעם וואס מ'טוט, אויף דעם וואס ס'איז מנאץ הקב"ה הענגט מען עס אהן גאר אין תורה, וואס איז נישט פון הקב"ה און ס'איז נישט תורתו ודתו, נאר מ'הענגט עס אהן, בעט מען למען דתך, אויפן דת אליין, אז ס'זאל אויסגעלייזט ווערען פון די וואס זיי פארפירען.

## הושענא למען דתך הושענא

**(הקפה ב')** הושענא והר יראה, ס'איז ידוע וואס דער בעש"ט הק' האט געזאגט שוחט משום מאי מחייב משום צובע, זאגט תוס' אשוחט דעלמא קאי, אויף דעם וואס דער מלאך המות, דאס איז דער יצה"ר ער איז דער מסית, ער איז באשאפן דעווארן מסית ומדיח צו זיין, דער פעלער איז נאר ווייל ער פארבט אויף א מצוה רעדט ער איין ס'איז א עבירה און אויף אן עבירה אז ס'איז א מצוה, איבערדעם איז עס א הר קשה, ער ווערט דאך אנגערופן

בשבע שמות, ער רעדט איין איבערהויפט אין די לעצטע דורות, איז מען נישט קיין מבין, ס'איז עולם השך בעדם, והיית ממשש בצהרים כאשר ימשש העור באפילה, זאגט די גמרא (מגילה כ"ד) א"ר יוסי כל ימי הייתי מצטער על פסוק זה וואס איז אנדערש פאר אן עור באפילה, וואס איז א נ"מ פאר אן עור צו ער איז באפילה, אז ער איז א בלינדער וואס איז א חילוק צו אין די לעכטיג צו אין די פינסטער, ביז ס'איז אים געקומען א מעשה לידו, ער האט געזעהן א בלינדער איז געגאנגען, א סומא ואבוקה בידו, האט ער אים געפרעגט אז די ביסט בלינד זעהסטו נישט, פארוואס האלסטו אן אבוקה, זאגט ער אז כ'האב אן אבוקה איז דא אן אנדערער וואס ער זעהט מיך ארויספירען אויפן וועג, ער וועט מיך מציל זיין, האט ער פארשטאנען וואס ער האט געפרעגט אויף עור באפילה, זאגט דער מהרש"א, ס'איז טאקע פארענטפערט עור באפילה, טאקע פאר אן עור איז א נפ"מ צו ער איז באפילה, אבער פארקערט איז דאך ווייטער קשה, אז ער איז שוין ווידער באפילה און קיינער זעהט אים נישט וואס ארט מיך צו ער איז א בלינדער, אז ער איז באפילה און קיינער זעהט נישט און ער זעהט אויך נישט וואס איז א חילוק צו ער איז א בלינדער צו ניין, זאגט דער מהרש"א, אעפי"כ דער וואס איז א זעהנדיגער דער געדענקט עפעס, דער וואס ער האט געזעהן די מבואות העיר דערמאנט ער זיך, כאפט ער עפעס אהן, אז ער איז אבער אן עור האט ער דאך קיינמאל נישט געזעהן, זעהט ער גארנישט, און ס'איז נישטא ווער ס'זאל אים דערמאנען.

קומט דאך אויס לפי"ז זאגט דאך די גמרא אז דער פסוק זאגט אז מ'וועט אזוי אויסזעהן, מ'וועט נישט אנהייבען צו וויסען ניטאמאל די מבואות העיר, דעם וועג, און ס'איז נישטא ווער ס'זאל ווייזען אויך ווי א עור באפילה, אזוי ווי א עור באפילה אז יענער זעהט אויך נישט ער זאל אים פירן, איז דאך דאס טאקע די כוונה אין פסוק, **מילא אין די פריערדיגע דורות האט מען דאס נישט**

KolSatmar.com

געקענט מיינען, און אויף א ארגערע דור קען מען זיך אויך נישט רעכטען, ווייל ס'קען שוין נישט זיין ארגער, מ'האף מיר דאך שוין אויף ביאת המשיח בכל רגע, נאר דא מיינט מען טאקע אונז, מ'דארף וויסען וויאזוי מ'זעה מיר אויס, אין וואס פאר א חשכות מ'איז, מ'ווייסט נישט די דרכי היצר, מ'איז ווי אן אור באפילה, די גמרא רופט דאך אים אן הר, דארף מען ס'זאל זיין והר יראה, מ'זאל אנזעהן מ'זאל וויסען ווי מ'האלט, ס'זאל נישט זיין כעור באפילה, (ס'איז שוין נישט צייט מאריך צו זיין ס'איז שוין שפעט פארנאכטץ, ס'איז שוין היינט יו"ט אבער דאך בקיצור, כ'וועל מקצר זיין).

השי"ת זאל מאיר עיני ישראל זיין, מ'זאל מיר האבן לעכטיגע אויגען, מ'זאל מיר זעהן דעם אמת, מ'זאל מיר וויסן וועלכעס איז דרכי היצר, און וועלעכעס איז דער רצון הבוב"ה, ס'איז נישטא ווער ס'זאל אונז דערמאנען און ווער עס זאל אונז לייכטען, אונז זעמער אלע ווי עור באפילה, אבער דער בוכ"ע איז מלא כל הארץ כבודו, ולפניו נגלו כל תעלומות, הקב"ה זאגט ווי איך האב פריער נאך געזאגט, דער פסוק זאגט ער וועט זיין דער רועה ישראל, אבער ער קען אונז נאך פירען, ער קען אונז דערלייכטען די אויגען, לאמיר זיך בעטן צום באשעפער, אז ער זאל אונז דערלייכטן די אויגן, מ'זאל מער זיך אויסבעטען א לעכטיג יאר, נישט אזא פינסטער יאר ווי ס'איז געווען פריער, אונז זאל מער שוין ארויס פון דעם חשכות.

## הושענא והר יראה הושענא

**הושענא זבול תפארתך**, די גמרא זאגט אין חגיגה (י"ב ע"ב) שבע רקיעים הם ואלו הן וילון רקיע שחקים זבול וכו', ער רעכינט שמים און נאכדעם די גלגלים און נאך איז דא א זבול, דארט איז דער ביהמ"ק של מעלה געבויעט, נאר אז

מ׳האט געהאט אויף דער ערד א ביהמ״ק איז געווען על הארץ תפארתו, היינט איז דער גאנצער תפארת נאר אין זבול און ווער זעהט דען אהין, בשמים ושמי השמים דארט זעהט מען אזוי אויך דעם כבוד שמים, ווי זעהט מען שוין דאס ביהמ״ק דא אזוי אז ס׳זאל שוין זיין דא אויף דער ערד, ס׳זאל שוין זיין תפארתו ותפארתן של ישראל, ס׳זאל שוין זיין כהנים בעבודתם ולוים בדוכנם וישראל במעמדם, מ׳זאל מיר די זכיה האבן מ׳זאל עולה רגל זיין, ס׳זאל זיין יפה נוף משוש כל ״הארץ״, איבערדעם בעט מען ווייטער אז ביז איצט איז נאר אין ״זבול״ תפארתך און דא אויף דער ערד זעהט מען גארנישט.

## הושענא זבול תפארתך הושענא

(בהקפה ג׳) דערנאך קומט דמתה לתמר, מ׳האט געזאגט גולה וסורה, אין גלות זענען גרויסע נסיונות, דער מדרש זאגט צדיק כתמר יפרח, מה תמר צילו למרחוק אף צדיקים מתן שכרן לעת״ל, אויבן זעהט מען אהן דאס גרויסקייט פון צדיקים, דאס גרויסקייט פון יעדע זאך וואס מ׳טוט פארן באשעפער, פארן רצון הבוב״ה, דא אויף דעם עולם איז אלעס פארשטעלט הסתר בתוך הסתר, און דורך דעם זענען די נסיונות גרעסער, זעמער מתפלל דערויף, כאטש ס׳איז דמתה לתמר, מ׳האט ציגעגלייכט אז ס׳איז צילו למרחוק, אבער דא זעהט מען גארנישט, איבערדעם ברויך מען גרויס סייעתא דשמיא.

דער זיידע זכרונו לברכה דער ייטב לב זאגט אין ייטב פנים אז ער האט אמאל געזאגט אויף הושענא דמתה לתמר מ׳זאל נישט מיינען אז ס׳איז דאס, ער איז געווען ברוב קדושתו א קדוש עליון, די דיבורים האט א כח געהאט, האט ער געזאגט מ׳זאל נישט מיינען אז דאס איז דאס וואס ס׳איז פריער, וואס דער ישמח משה איז געווען, ער האט זיך נאר געגלעכנט אהין, וואס

KolSatmar.com

ער האט עפעס געלערנט פון אים, ס'איז נאר דמתה לתמר, האט ער אמאל געזאגט אויף זיך, בעוה"ר ס'איז שוין ניטאמאל דמתה לתמר, אזוי ווי מ'זעהט אויס אין דעם שפלות הדור, ווי ווייט מ'איז געררוקט פון די פריערדיגע דורות.

**עס** שטייט אין ישמח משה, אל תאמר שהימים הראשונים היו טובים מאלה כי לא מחכמה שאלת על זה, זאגט ער ס'איז דא צוויי ערליי גאלד קאן מען זאגן וועלכעס ס'איז בעסער, אז דאס איז בעסער אין דעם ליגט א חכמה, אבער גאלד מיט עפר, דער וואס וועט זאגן אז גאלד איז בעסער פון עפר אין דעם ליגט נישט קיין חכמה, ווייל ס'איז זייער ווייט געריקט, ס'איז גארנישט איין מין, זאגט ער אל תאמר שהימים הראשונים היו טובים מאלה, כי לא מחכמה שאלת על זאת, ס'איז נישט קיין חכמה, דאס איז אזוי ווייט געררוקט ס'איז נישט אין דעם סוג, אז מ'זאל זאגן אז יענס איז בעסער, די פריערדיגע דורות, מ'לעבט אין דעם שפלות, פארוואס האט דאס געטוהן דער בוכ"ע מסתמא ווארט מען אויף דעם אז מ'זאל די נסיונות איבערשטיין, אין דעם חשכות אז מ'טוט עפעס פארן רצון הבוב"ה איז דאס חשוב פארן אייבירשטען, אזוי ווי דער רבינו יונה זאגט עת לעשות לה', ווען ס'איז חלילה הפרו תורתיך, דעמאלטץ איז די צייט מ'זאל עפעס טון פארן באשעפער, וועט עס זייער חשוב זיין, מורי ורבותי ! מ'ווארט מער אויף די ישועה אויף א גאולה, ווער ס'וועט עפעס טון איצטערט אין דעם חשכות אוי ווי חשוב וועט דאס זיין דעמאלטץ, מ'זאל זיך קענען בארימען, מ'עהט אנווייזען דאס זענען די יודן וואס זיי האבן ציגעהאלפן צום התקרבות הגאולה, די יודן האבן געהאלפן דאס יודישקייט אין דעם גרויסען חשכות, אוי ווי ביטער וועט זיין אויף די וואס מ'וועט אנווייזען די האבן געהאלפן חלילה פארדארבען יודן, די זענען מיטגעגאנגען מיט די מכשולות הדור, לאמיר זיך אכט געבען אז מ'זאל מער נישט

זיין פון די, לאמיר זיך צוזאם נעמען, מ'זאל מיר אוועקגיין פון דאנעט מיט די מחשבה, מ'זאל טראכטען צו טון אלעס נאר פארן רצון הבוב"ה, מיט דעם וועל מיר אסאך דערגרייכען, השי"ת וועט אונז העלפן.

## הושענא דמתה לתמר הושענא

(בהקפה ו') הושענא נפש מבהלה, ער רעכינט דא אויס די השפעה פון די פירות און די תבואות, יוסף הוא השליט הוא המשביר לכל עם הארץ, די השפעה איז געקומען דורך יוסף הצדיק, ער האט געהאט די מדה פון יסוד, קומט די השפעה רעכינט ער אלעס אויס, עקסטער דעם ליגט נאך אן פנימיות ענינים אין מדת היסוד, אבער דאס פשטות איז די השפעה קומט פון דארטען, אבער ווי קומט דא דערמיט נפש מבהלה, וואסערע השפעה, נאר חלילה דורך דעם חטא איז געוואלדיג די בהלת הנפש, די אלע ניצוצין הקדושים דאס איז די חלקי הנפש, אז ס'איז נעבעך אין די הענט פון די סטרא אחרא איז דאס געוואלדיגע בהלה, זיי שרייען אויף דעם וואס זיי האבן עס אראפגעברענגט, מ'זאל זיי מציל זיין, (כ'וויל נישט מאריך זיין ס'איז שוין נאכט), אז מ'קומט זיך צוזאם דעמאלטיג קומען זיך צוזאם די ניצוצין הקדושין, אז זיי זעהן ווי מ'גייט ארויס מיט גארנישט פאלט אויף זיי א בהלה, דעמאלטיג קומען זיי און דעמאלטיג בעטען זיי זיך מ'זאל זיי מעלה זיין, מ'זאגט נאך פון זיידען זכרונו לברכה ער פלעגט דאך צו זאגן אז ער זעהט זיי, זיי בעטען זיך און זיי ווארטן ביז צו די לעצטע רגע, אוי מיט וואס קען מען מעלה זיין דאס, מיט יודישע טרערן, חלילה אז מ'גייט ארויס, און חלילה זיי בלייבען ווי זיי זענען ווייטער,

KolSatmar.com

גייען זיי ארויס מיט א גרויסע בהלה, דאס זענען די חלקי הנפש, איבערדעם איז מען מתפלל נפש מבהלה.

## הושענא נפש מבהלה הושענא

**(בהקפה ז')** הושענא למען דגלים נחית באור וענן אש, עס שטייט וועגען די עננים און זאגט נאך צו באור,

(כ'וועל שוין נישט מאריך זיין ס'איז שוין די לעצטע מינוטען, ס'איז שוין די לעצטע רגעים אין דעם טאג, מ'מוז זיך שוין ציאיילען, נאר וויאזוי ס'איז), די תוה"ק איז זכה נעשית לו סם חיים, און חלילה פארקערט, איז נעשה לו סם המות, אין פשטות די תוה"ק ווען מ'גייט מיטען דרך האמת איז דאס בפשטות חיים, אז מ'גייט נישט בדרך האמת איז נאך ארגער . . . נאר מ'גייט ארויס, איך מיין ס'איז נאך אנדערש אויך דער פשט, עס שטייט דאך אז דאס איז דאס גרעסטע געווער דאס וואס מ'נעמט צו פון יודן, אז מ'טוט אמאל עפעס א דבר טוב אויב מ'איז מלא עוונות ופשעים, אזוי ווי דער יערות דבש זאגט צאנך מיד גוזזים, מ'גוט די שאף אז מ'זאל עס קענען שערען, דאס גייט חלילה אוועק פאר די סט"א, און זיי נעמען צו די תורה פון די אינשי דלא מעלי, דאס איז זייער געווער, און מיט דעם שלאגען זיי זיך, ס'שטייט אין אוהחה"ק וראית סוס ורכב עם רב דאס איז טאקע ממך, כי תצא למלחמה על אויביך זאלסטו וויסען אז זיי האבן געווער פון דיר, פון דיינע ניצוצין הקדושים, פון דיינע חלקי התורה האבן זיי געווער זיך צו שלאגן מיט יודישע קינדער, ממילא אז זיי האבן געווער איז דאך דאס חלילה א סם המות, די מסיתים ומדיחים באקומען פון דעם געווער, ער איז דער מסית ומקטרג, און ער איז לוחם דערמיט חלילה, אז ס'איז פאר זייערט וועגען איז עס א סם, אז ס'בלייבט פאר זיך איז עס א סם חיים.

KolSatmar.com

קען זיין איבערדעם האט דער בוכ"ע געפירט די הייליגע שבטים, ס'איז אן אור גדול און חלילה אן ענן, סכותה בענן לך מעבור תפלה, חלילה אז ס'איז אש, איבערדעם זענען די אלע ימים טובים ווילאנג מ'איז נאך ביי אונז אין די הענט זיך מדבק צו זיין אין בוכ"ע, למען דגלים נחית באור וענן אש, די זעלבע קען זיין אזוי אין אזוי.

לאמיר די לעצטע רגעים די לעצטע מינוטין, לאמיר ארויסגיין דעם הושענא רבא מיט א לעכטיגקייט, ס'זאל זיין אור ליהודים, מ'זאל מיר ארויסגיין מיט א לעכטיג הארץ, דער בוכ"ע זאל העלפן א שנת אורה, א שנת ישועה א שנת גאולה וישועה, אז מ'גיי מיר אריין אין די ימי השמחה שמיני עצרת שמחת תורה זאל מיר ממשיך זיין די שמחה אויף א גאנץ יאר, הקב"ה זאל דערפרייען יודישע הערצער, דער בוכ"ע זאל זיך דערבארימען אויף אלע צובראעכנע הערצער, אוי וויפיל צובראכענע הערצער איז דא צווישען יודישע קינדער וואס זייווארטען אויף ישועת השי"ת, יודן ברויכען געהאלפן צו ווערן פארן כבוד שמים, מ'זאל מעמיד זיין דורות יודישע קינדער, מ'זאל די זכיה האבן יודן זאלן דערהויבען ווערען, ס'זאל זיין טאקע ופתחון פה למיחלים לך, מ'זאל קענען עפענען דאס מויל, מ'זאל ווייזען אז די וואס זיי האפען צום באשעפער ווערן געהאלפן, מ'זאל שוין געהאלפן ווערן מיט כל מיני ישועות טובות, א לעכטיג דערבארימדיג יאר, לאמיר ארויסגיין מיט נחת ושמחה, השי"ת זאל דערפרייען יודישע צובראכענע הערצער.

**הושענא למען דגלים נחית באור וענן אש הושענא**

KolSatmar.com